# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון 08 | פרשת **קרח** תשע"ט


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

## איך ווייס גארנישט!

*געבויעט אויף: ליקוטי הלכות, שילוח הקן ה"ד*

**וואס איז געווען קרח'ס טענה אויף משה רבינו? פארוואס זעט מען צומאל אפילו גרויסע אידן וואס הערן אויף זוכן צו גיין העכער אין עבודת ה'? פון וואו נעמט זיך דער טעות ביי געוויסע מענטשן אז זיי קענען שוין נישט דינען דעם אייבערשטן?**

וויפיל מען איז זיך נאר מתבונן אין די מחלוקת פון קרח אויף משה רבינו - אלץ שווערער איז זיך פארצושטעלן וואס פונקטליך דער קרח האט געוואלט. קרח קומט מיט א טענה: **"כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים... וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל הַשֵּׁם"**, ער פארשטייט ממש נישט - מיט וואס איז משה רבינו גרעסער פון אים. לכאורה, קרח איז דאך קיין טיפוש נישט געווען, האט ער דען נישט אליין מיטגעהאלטן ווען פונקטליך דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן ארויסצונעמען די אידישע קינדער פון מצרים און צו זיין דער פארמיטלער צווישן כלל ישראל און דעם אייבערשטן זיי איבערצוגעבן די תורה אויף אזא געטליכע פארנעם ביים מעמד הר סיני, און צו באווייזן דורך אים זיינע וואונדער און ניסים? וויאזוי פלוצלינג פארשטייט ער עפעס נישט מיט וואס משה רבינו איז חשוב'ער פון אים, וויאזוי קען מען זיין אזוי בלינד?

צומאָל זענען פארהאנען אזעלכע מענטשן, און טיילמאָל אפילו גרויסע אידן (עי' חי"מ ת"א), וועלכע הארעווען א שטיק צייט אין עבודת השם צוברעכנדיג די תאוות און מידות רעות, אבער ווען עס קומט צו א געוויסע פונקט, שטעלן זיי זיך אפ, קלערנדיג: איך האב שוין גענוג געהארעוועט, ענדליך בין איך שוין אנגעקומען צו די געוואונטשענעם ציל, צו זיין א צדיק! ווי כאילו ער האט שוין נישט מער וואס צו זוכן נאכ'ן אייבערשטן.

אזוי אויך פון די אנדערע זייט, זענען פארהאנען אזעלכע מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט פארשידענע ירידות אדער נפילות, זיי פאלן כסדר אראפ און הייבן זיך אויף, אבער נאך א געוויסע שטארקע ירידה דערקלערן זיי: עד כאן! איך וועל שוין מער נישט זיין א אמת'ע ערליכע איד, איך האב שוין צופיל געזינדיגט, איך גלייב נישט אז דער אייבערשטער דארף מיר נאך" (רח"ל).

אט די ביידע פארקרימטע מיינונגען נעמט זיך פון איין יסודות'דיגער טעות: נעמליך, דער מענטש רעדט זיך איין, אז ער פארשטייט ביז ווי ווייט עס דערגרייכט דעם אייבערשטנס גרויסקייט... ווי גלייך דעם אייבערשטנס גרויסקייט איז **מוגבל** ביז א געוויסע מאס ח"ו! און דעריבער מאָלט ער זיך אויס מיט זיין קליינעם קורץ-קעפיגע שכל א געוויסע **גרעניץ**, וואס ווען מען דערגרייכט דעם אויבערשטן שפיץ דערפון, דאן איז שוין נישט שייך צו גיין העכער פון דעם, און ווען א מענטש פאלט ארויס פון דעם אונטערשטן טייל דערפון, דאס הייסט, אויב א מענטש האט שוין געזינדיגט אזויפיל און אזויפיל, קען ער זיך שוין מער נישט שיצן אין דעם אייבערשטנס **גרעניצלאזע** רחמנות ח"ו!

**ה' אייר, שנת תק"ע:** ווי באקאנט האט דעמאלטס דער הייליגער רבי אנטפלעקט גאר געוואלדיגע טיפע סודות אויפן וועג פאָרנדיג קיין אומאן, א שטייגער ווי די תורה פון "לכו חזו" איבער די סוד פון רשב"י, און נאך. דאס איז נישט געווען סתם א נסיעה, דאס איז געווען דעם רבי'נס לעצטע רייזע... אויפן וועג צו נסתלק ווערן! פלוצלינג אינמיטן רעדן, האט דער רבי געהעכערט זיין טאָן און מיט זיין הייליגע זיסע שטימע זיך אנגערופן: **"גאט איז גרויס מען ווייסט גאר ניט!!! ס'טוען זיך אויף דער וועלט אזעלכע זאכן מען ווייסט גאר ניט!!!"** און דער רבי האט פארגעזעצט: **"אפילו אייער זאך וואו אהין איטליכער איז געפאלן,** (זאל מען וויסן) **ס'פארהאנדין אבער אזוי א זאך וואס ס'איז גאר עפעס אנדערש! יֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה!!!"** און דער רבי האט אויסגעפירט: **אבי מ'איז זיך ניט מייאש פון שרייען און בעטן!** (חיי מוהר"ן ס"ז. עלים לתרופה ק"ב, רי"ג).

> **ווען מען קומט אן צו אט די הכרה פארשטייט ער, אז ער הייבט בכלל נישט אן צו באגרייפן אויף ווי ווייט עס דערגרייכט דעם אייבערשטנ'ס גרויסע רחמנות, נישט קיין חילוק ווי טיף דער מענטש איז נאר געפאלן רח"ל!**

צוויי פייגל געשאסן מיט איין שאס...

די ביידע טעותים!

דער רבי האט מיט דעם אויסגערופן פאר אלע דורות: **"דער אייבערשטער איז ג-ר-ו-י-ס! מען ווייסט ג-א-ר-נ-י-ש-ט!"** - אויף ביידע זייטן! וויבאלד לויט ווי רבי נתן שמועסט אויס (תפילין ה"ה - ט, כ"ה) איז דאס געוואנדן איינע אינעם צווייטן! פון איין זייט דארף א יעדע איד געדענקען - אפילו דער גרעסטער צדיק - אז ער האט נאכנישט אנגעהויבן צו וויסן בכלל די גרויסקייט פונעם אייבערשטן, און ער דארף כסדר חזר'ן צו זיך: אפילו איך בין שוין אנגעקומען צו אזעלכע הויכע מדריגות, קען איך זיך נישט באגעניגען דערמיט, וויבאלד דער אייבערשטער איז דאך "אין-סוף", אלזא ווער ווייסט ווי הויעך מען קען נאך אלץ ארויפגיין?! און אפילו די גרעסטע צדיקים, אפילו משה רבינו - גייט אויך ווייטער שטענדיג ארויף העכער און העכער, האלטנדיג אין איין משיג זיין נייע השגות און עולמות אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטן.

ווען מען קומט אן צו אט די הכרה, פארשטייט ער אויך די אנדערע זייט, אז ער הייבט בכלל נישט אן צו באגרייפן אויף ווי

*המשך בעמוד ב'*

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

**והנה פרח מטה אהרן**
*(במדבר כ"ב, י"ז)*

מה שצוה השי"ת להראות האות ע"י המטות דייקא, להורות מעלת משה ואהרן, שאע"פ שכבר זכו לבטל בחירתם לגמרי ולשבר יצרם, (בבחי' "ומטה אלקים בידי" - כמבואר בליקו"מ סי' ע"ט), אעפ"כ לא הסתפקו בזה רק עדיין פרחו וצמחו בעבודתו יתברך מדרגא לדרגא (בבחי' "צדיק כתמר יפרח"):

*(לקוטי הלכות, שילוח הקן ה"ד)*

### חודש תמוז

**זכרו תורת משה** *(מלאכי ג', כ"ב)*

**"תַּמֻּז"** ר"ת **ז**'כרו **ת**'ורת **מ**'שה - חסר וא"ו. כי בחודש תמוז צריכין להמשיך הזכרון ולתקן השכחה שנתהוה ע"י הלוחות שנשתברו בתמוז (כמ"ש חז"ל (עירובין נ"ד) "אלמלא לא נשתברו לוחות הראשונות, לא נשתכח התורה מישראל). וע"כ חסר הוא"ו, כי וא"ו מרמז על הלוחות שארכן וא"ו ורחבן וא"ו, ומאחר שנשתברו נסתלק הוא"ו:

*(ליקוטי מוהר"ן רי"ז)*

### פרקי אבות

**רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות**
*(אבות פ"ו משנה י"א)*

יש שמקשים, לכאורה למה הרבה השי"ת כ"כ תורה ומצוות שקשה לקיימם, ולפי דעתם היה יותר זכות אם היו מעַטים המצוות? אבל באמת, לפעמים נמצא האדם במצב קשה, כגון שאי אפשר לו להתפלל כראוי. אבל ע"י ריבוי התורה והמצוות יכול תמיד לזכות ולעסוק בעבודה אחרת, כגון ללמוד יותר או לעסוק במצוות וגמילת חסד וכדו'. נמצא שע"י **הריבוי** של תורה ומצוות יש לו לידו תמיד במה להחיות את עצמו לעולם:

*(ליקוטי הלכות, פקדון ה"ד, אות ח')*

יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220 | לקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com

וויט עס דערגרייכט די גרויסקייט פונעם אייבערשטנס רחמנות, נישט קיין חילוק ביז ווי טיף דער מענטש איז נאר געפאלן רח"ל!

לויט דעם אייבערשטנס גרויסקייט איז נישט פארהאן אזא ירידה אין די וועלט פון ווי א מענטש זאל זיך נישט קענען צוריקקערן צום אייבערשטן פון דארט! אפילו ווען פאר דיר אין דיינע פליישיגע אויגן זעסטו נישט פונקטליך וויאזוי! מיט דעם אלעם, ווער קען דען באגרייפן די גרויסע רחמנות פונעם באשעפער? עס ליגט אוועקגעלייגט ביים אייבערשטן אין באזיס אזעלכע חסדים, וואס דארטן ווערט נישט פארלוירן קיין שום "געשריי" אדער "קרעכץ","גוטע ווילן" אדער "בייג" - וואס א מענטש געבט נאר צום אייבערשטן - אפילו פון די פארווארפענסטע ערטער!

אט דאס איז דער עיקר דעת וואס דער צדיק שיינט אריין אין אידישע הערצער, וואס אין דעם האט געשטעקט די טעות פון קרח. קרח האט טאקע געוואוסט אז משה רבינו איז גרויס, אבער צוליב זיין גאוה האט ער געהאלטן, אז וויבאלד גאנץ כלל ישראל האט שוין זוכה געווען בשעת מתן תורה צו אזעלכע הויכע מדריגות, אזוי ווייט, אז זיי זענען צוגעקומען צו א מדריגה פון "פסקה זוהמתן", זיי האבן גענצליך מבטל געווען זייער יצר הרע (כמובא), דערפאר זענען שוין אלע אידן צוגעקומען צו די העכסטע מדריגה וואס איז שייך, און פון דא און ווייטער איז שוין נישטא קיין שום אונטערשייד צווישן אונז מיט משה רבינו. דאס הייסט אין אנדערע ווערטער: ער האט נישט געגלייבט אז מען קען שטענדיג גיין העכער און העכער.

דערפאר האט אים דער אייבערשטער באשטראפט 'מידה כנגד מידה' מיט אזא אומדערהערטע ירידה, אזוי ווי אין פסוק שטייט, **וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת פִּיהָ... "וַיֵּרְדוּ"... חַיִּים שְׁאֹלָה**, זיי זענען איינגעשלינגען געווארן לעבעדיגערהייט טיף טיף אין דער אדמה אריין, וואס דורכדעם האט מען אים געוויזן אינאיינוועגס, אז נישט נאר ער ווייסט נאכנישט ביז ווי הויעך מען קען אלץ ארויפגיין, נאר אפילו ביז ווי טיף א מענטש קען זיך דערקייקלען ווייסט ער אויך נישט...

ווען א מענטש האלט זיך אבער קליין און ער דרייט זיך שטענדיג ארום מיט די מחשבה - "איך ווייס גארנישט - ביז וואו עס דערגרייכט די גרויסקייט פונעם אייבערשטן", דאן וועט ער זיך שטענדיג האלטן! אזוי ווי רבי נתן שרייבט: **"כִּי אִם הָיָה יוֹדֵעַ כָּל אֶחָד הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ "שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל", לֹא הָיָה שׁוּם דָּבָר יָכוֹל לְהַפִּיל אוֹתוֹ וּלְבַלְבֵּל אוֹתוֹ כְּלָל! וְהָיָה כָּל אֶחָד מִתְחַזֵּק הַרְבֵּה תָּמִיד לְעוֹלָם!!!"** (ליקוטי תפילות מהדו"ת, מ"ב).

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# דער מערדער, דער בעל תשובה (חלק ב')

אין טאג פון זיין טאטע'נס יארצייט האט זיך אנגעצינדן דאס אידישע פלעמעלע. זיין הארץ האט אים געצווינגען צו זאגן א קדיש נאך זיין פארשטארבענעם פאטער.

משה האט גוט געוואוסט אז ער האט נישט די מעגליכקייט דאס אויסצופירן. אין קיין איין שול וועט מען אים דאס נישט ערמעגליכן. מען וועט אים גאר ארויסטראסקענען בשן ועין...

איין שול איז געווען וואס ער האט נאך קיינמאל נישט אויספרובירט, די ברסלב'ע קלויז. פון יונגווייז אן האט ער געוואוסט אז ברסלב איז א פלאץ ווי עס דרייען זיך עובדי השם וועלכע זענען דבוק אין רבונו של עולם טאג און נאכט, דערפאר האט ער אפילו נישט פרובירט אריבערצוטרעטן זייער שוועל, זייענדיג זיכער אז מען וועט אים גלייך פארשיקן פון דארט. אבער אין זיין יעצטיגע מצב האט ער מחליט געווען אז קיין אנדערע אפציעס פארמאגט ער נישט, און מיט שווערע טריט האט ער אנגעהויבן גיין צום ריכטונג פונעם ברסלב'ן קלויז.

ער מאכט אויף די טיר איידעלערהייט און שלייכט זיך אריין אין ביהמ"ד זיכער מאכנדיג אז קיינער באמערקט אים נישט... ער גייט גראד צי צום מערב וואנט אין א ווינקל, פרובירנדיג צו פארמיידן סיי וועלכע מענטשליכע אויגן קאנטאקטן.

דער חזן דערנענטערט זיך שוין אט אט צום 'קדיש יתום', משה כאפט א טרייסל. נאך אביסל וועט ער דארפן עפענען זיין מויל, און דער עולם וועלכע איז יעצט פארטועט אין א פייערדיגע דאווענען מיט קולי קולות, וועט אנטדעקן ווער עס געפינט זיך מיט זיי אין קלויז... אין זיין פאנטאזיע האט שוין משה געזען ווי דער גאנצער עולם שרייט מיט באנומענע קולות "שייגעץ ארויס, צא טמא"...

דער בעל תפילה אבער גאלאפירט ווייטער צום קדיש... און איינס צוויי... משה צדוק'ס איז געווארן געלעמט פאר א מינוט, אבער גלייך זיך געכאפט -

"יתגדל ויתקדש שמו... " -

דער גאנצער ציבור האט זיך גענומען האסטיג אויסשרייען "אמן!"

משה צדוק'ס באסאווער שטימע איז געווען ברייט באקאנט, אבער קיינער האט זיך נישט געקימערט מיטן פאקט איבער ווער עס זאגט דעם קדיש, נאר מיטן שטענדיגן קאך געענטפערט אויפן קדיש. משה האט נישט געקענט צו זיך קומען, ער איז געווען גענצליך פארטומלט נישט וואוסענדיג אויב ער לעבט אין אמת'ע רעאליטעט.

נאכן דאווענען דערנענטערט זיך צו אים ר' יעקב פון זיטומיר, איינע פון די דערהויבענע עובדים אינעם קלויז. משה איז געווען זיכער אז ר' יעקב איז דער שמש פון קלויז וועלכע קומט אים ווארענען אז איינמאל איז די וויץ געלונגען אבער מער זאל ער זיך נישט וואגן איבערצוטרעטן די שוועל פון טיר, אבער ר' יענקל'ס איידעלער צורה האט עדות געזאגט אויף עפעס אנדערש. ער האט ארויפגעלייט זיין האנט אויף משה'ס אקסל

"האסט שוין געזאגט קדיש", ווענדט ער זיך צו אים מיט א ליבליכע טאן, "אפשר לייגסטו שוין אויך תפילין?".

משה, פון פארלוירנקייט האט צוגעשטימט דערצו.

מיט געדולד האט אים ר' יעקב ארויסגעהאלפן אנצוטועט די תפילין, און געליינט מיט אים קריאת שמע. דערנאך האט משה אויסגעטועט די תפילין און פארשוואונדן געווארן פון שטח מיט שנעלע טריט.

דאס פונק האט זיך שוין אבער אנגעכאפט... פון צייט צו צייט האט זיך אנגעהויבן אנצוזען משה צדוק'ס אנוועזנהייט אין קלויז. עס איז נאך געווען א לאנגע רייזע ביזן ווערן איבערגעמאכט צו א נייע מענטש, אבער דא דארט איז ער געקומען זיך באטייליגן ביי א תפילה, א שיעור, און צוביסלעך האבן זיך זאכן אנגעהויבן טוישן.

מיט די צייט איז זיין פנים שוין נישט געווען קיין חידוש ביי קיינעם. ער איז געווארן ווי איין שטיק פונעם קלויז. לאנגע הארעוואניע פון ארבעטן אויף זיך אראפצונעמען זיינע אלע שמוציגע מעשים האבן צוביסלעך אנגעהויבן ווירקן. אין די טונקעלע נאכט שעות פלעגט מען ארויסהערן פונעם רבי'נס ציון ר' משה, וואס איז שוין היינט צוטאגס געווען באצירט מיט צוויי לענגליכע פאות און א עטוואס ווייסער בארד, קלאגנדיג אויף א תהלים'ל אדער ליקוטי תפילות, בעטנדיג פונעם רבוש"ע אז ער זאל אים פארצייען אויף זיין עבר, אראפלאזנדיג דערביי ימ'ען פון טרערן.

***

די וואלקענעס איבער רוסלאנד זענען וואס אמאל מער פארטונקלט געווארן. קאמוניזים האט גענומען באדראען אידישקייט. און אלץ איינע פון די ערשטע 'געזעצן' וועלכע זי האט ארויסגעגעבן קעגן אידן איז געווען דאס גענצליך פארבאטן יעדע מקוה טהרה איבערן לאנד.

אין גרויס פארלעגנהייט האט ר' לוי יצחק בענדער ז"ל, וועלכע האט אין יענע יארן אנגעפירט די אידישע אנגעלעגנהייטן אין אומאן, זיך געוואנדן צו ר' משה צדוק'ס און אים געזאגט, "משה, דו ווייסט דאך יא וואס דו דארפסט אלץ פאררעכטן... יעצט איז געקומען די צייט, נעם אויף דיר צו בויען א מקוה".

משה צדוק'ס האט לאנג נישט געטראכט נאר גלייך זיך גענומען צו די עבודה, ער האט זיך גענומען אראפגראבן ביי אים אין פערדן שטאל. נאך לאנגע טעג פון הארעוואניע האט ער ענדליך באוויזן צו אנטדעקן א קוואל צענדליגע פיס טיף אין דער ערד, וואס האט אגב געדינט דעמאלטס אלץ די איינציגסטע און לעצט פארבליבענע מקוה טהרה אין דעם גרויסן שטאט.

די מקוה איז געווען גוט פארדעקט אונטער הויפענעס פון היי, ווען די שטומע פערד וואונדערן זיך וויאזוי די מענטשן מארשירן ארויס פון אונטערן ערד...

עס האט זיך קלאר ארויסגעוויזן אז דאס גאנצע שטאט האט נהנה געווען פון דעם וואס אינעם 'ברסלב'ער קלויז' האט מען קיינעם נישט דערווייטערט אין קיין שום פאל.

***

ר' משה האט אויפגעשטעלט דורות ישרים על דרך התורה והיראה.

אין די מלחמה יארן האבן די דייטשן ימ"ש איינגענומען די שטאט אומאן, דאן איז ער ארויסגעפירט געווארן אויסערן שטאט צו א וואלד, ווי ער איז צווישן די אנדערע 25,000 אידן פון אומאן דערשאסן געווארן צום טויט עקדה"ש, הי"ד.

מוה"ר נתן האבערפעלד הי"ו
מאנסי
שתרם להפצת הגליון
לרגל נישואי בנו החתן החשוב כמר אהרן נ"י
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

המחותנים
מוה"ר אברהם יעקב הערשקאוויטש הי"ו
קרית טאהש
ומחותנו מוה"ר מנחם קויפמאן הי"ו
קרית יואל
שתרמו להפצת הגליון
לרגל נישואי בנו/חתנו החתן החשוב כמר דוד נ"י
ימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

מעומק לבבינו אנו משלחים בזה את ברכתינו ברכת מזל טוב לידידינו העוסק בצרכי ציבור באמונה האברך היקר בנש"ק
הרב מאיר דאנזבוים שליט"א
ירושלים
לרגל הולדת הבת למז"ט
המברכים: חבריו וידידיו, חבורת אור הצדיק

מוה"ר יואל מענדלאוויטש הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם להפצת הגליון
לרגל שמחת הולדת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר נחמן חיים יאקאבאוויטש הי"ו
קרית יואל
שתרם להפצת הגליון
לרגל שמחת הולדת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מעומק לבבינו אנו משלחים בזה את ברכתינו ברכת מזל טוב לחברינו
החתן היקר יהושע יעקב שווארטץ נ"י
מאנסי - וומסב"ג
לרגל נישואיו
המברכים: חבריו וידידיו

בקשה מיוחדת!
אין די זוממער וואכן ווען די גליון ווערט נישט געהעריג פארשפרייט, זייט אייך מהנה אנדערע און דרוקט ארויס דעם גליון פאר אייער חבר/שוהל/קאנטרי צו מזכה זיין את הרבים!